127

# פרשת בא – שיחה א

לקוטי שיחות חלק א – עמודים 127-132

א. אין הייגטיקער סדרה דער־ציילט די תורה, אז דער אויבערשטער האט געהייסן מען זאל נעמען א שעפס דעם צענטן טאג אין ניסן, האלטן אים עטלעכע טעג אין שטוב, און דעם פערצענטן טאג שעכטן אים און מקריב זיין פאר א קרבן פסח.

צוליב וואס האט מען געדארפט נעמען דעם שה דעם צענטען טאג? — זאגן די רז"ל: בכדי אז ווען די מצריים וועלן זען בא אידן דעם שעפס, און וועלן פרעגן, נאך וואס האלט איר אים אין הויז, זאלן די אידן ניט נתפעל ווערן און ענט־פערן: מיר האלטן דעם שעפס אין הויז אויף צו שעכטן אים און מקריב זיין פאר א קרבן.

די מצריים האבן געדינט צו א שעפס, דאס איז געווען זייער ע"ז, דערפאר האט דאך משה רבינו גע־זאגט צו פרעה'ן, הן נזבח גו' ולא יסקלונו גו'), פונדעסטוועגן האט דער אויבערשטער זיי געהייסן, האלטן דעם שעפס פיר טעג אין שטוב, און אויף די פראגעס פון די מצריים, זאלן זיי ענטפערן, מיר וועלן דאס שעכטן און מקריב זיין צו דעם אויבערשטן.

דער תוקף — די שטארקייט — און מס"נ וואס די אידן האבן גע־האט אויף ניט נתפעל ווערן פון די מצריים, האט געבראכט די גאולה. ווי די רז"ל זאגן, אז בשעת יצי"מ זיינען געווען די אידן נאקעט פון מצוות, און ווי עס שטייט ואת ערום וערי׳, און הללו עובדי ע"ז והללו עובדי ע"ז, האט זיי דער אויבער־שטער געגעבן די מצוה פון קרבן פסח, און אין זכות פון דער מצוה מיט דעם מסירת נפש וואס זיי האבן געהאט דערביי, זיינען זיי אויסגע־לייזט געווארן פון מצרים.

ב. עס שטייט [1], כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות. ד. ה. אז גאולת מצרים איז א משל אויף דער גאולה פון לעתיד. וויבאלד אז ס'איז א משל פון תורה, איז פארשטאנ־דיק, אז די ענינים וואס האבן גע־בראכט יציאת מצרים, וועלן אויך ברענגען די גאולה העתידה. כידוע, אז אין א משל פון תורה זיינען אלע פרטי המשל צוגעפאסט צו דעם נמשל [2].

אזוי ווי יציאת מצרים איז גע־קומען דורך תוקף — שטארקייט — און מס"נ, אזוי אויך די גאולה הע־תידה וועט קומען דורך דעם וואס מען וועט גיין מיט תוקף און מסירת נפש.

ג. אויב אלע מצות דארף מען טאן מיט א תוקף, מכ"ש אז די מצוה פון אהבת ישראל — יסוד כל התו־רה [3], דארף מען אוודאי טאן מיט א תוקף, און פון קיינעם ניט נתפעל ווערן.

---

1) מיכה ז, טו.
2) זע אויבן עמוד 118.
3) שבת לא, א. תניא פרק לב.

128



מען דארף ריידן מיט א אידן וועגן תורה ומצוות, און אויב עס פועל'ט ניט, דארף מען ריידן נאך אמאל. אויב אפילו יענער "בריקעט" זיך, דארף מען אויך ניט נתפעל ווערן, אדרבה, פון דעם וואס ער בריקעט זיך, איז א ראי' [4], אז אים רירט עס אן. במילא דארף מען ריידן מיט אים נאך אמאל און נאך אמאל, ביז עס וועט זיך ביי אים צונעמען.

מען דארף גיין מיט א תוקף. מען דארף טאקע ריידן בדברי נחת כדי עס זאל נתקבל ווערן. (וכפתגם כ"ק מו"ח אדמו"ר: מען דארף יענעם ניט אראפרייסן דעם נאז) אבער — מיט א תוקף. און אז מען וועט ריידן בנחת ובתוקף, וועט מען מצליח זיין.

און דאס וואס דערווייל האט ער ניט מצליח געווען, דארף ער וויסן אז די שולד איז ניט אין יענעם נאר אין אים. יענער איז גוט, נאר בא אים זיינען דאס ניט קיין דברים היוצאים מן הלב, — דערפאר איז ניטא די צווייטע האלבע — נכנסים אל הלב. ער דארף זאגן א קאפיטל תהלים עס זאל זיין יוצאים מן הלב, ובמילא וועט זיין — נכנסים אל הלב.

ד. און אזוי ווי בשעת יציאת מצרים, איז דורך דעם תוקף פון די אידן וואס זיי זיינען ניט נתפעל גע־ווארן פון די מצריים, זיינען זיי ארויס פון מצרים און אויך מיטגע־נומען מיט זיך די כסף וזהב פון די מצריים, און די מצריים זיינען אלע דערטרונקען געווארן, ווי עס שטייט לא נשאר בהם עד אחד, און אויך דער איינער — פרעה — וואס איז יא געבליבן, איז ער דערנאך געקו־מען אין נינוה און אויך דארטן האט ער געהאט צרות [5];

אזוי אויך איצטער, ווען מען וועט גיין מיט א תוקף און מסירת נפש, ניט נתפעל ווערן פון קיינעם, וועלן אלע מנגדים בטל ווערן, און עס וועט זיין די גאולה העתידה במהרה בימינו.

(משיחת אחרון של פסח, תשי"ב)

ה. אין פ' החודש, איז אויך דא די מצוה פון אכילת מצה — שבעת ימים מצות תאכלו.

די מצוה פון אכילת מצה איז גע־בליבן אויך בזמן הזה מדאורייתא.

בכלל זיינען פאראן דריי הויפט־ענינים אין פסח: פסח, מצה, ומרור. ובזמן הזה, איז פסח מער ניט ווי — ונשלמה פרים שפתינו. מצות אכילת מרור — איז נאר מדרבנן, אבער מצות אכילת מצה איז אויך בזמן הזה מדאורייתא [6].

ו. דער חילוק פון חמץ מיט מצה, איז אין צוויי ענינים:

א) ביי חמץ הויבט זיך אויף דער טייג, ביי מצה בלייבט דער טייג ווי ער איז. און אין רוחניות מיינט דאס: חמץ — ישות והתנשאות. מצה — ביטול.

דערפאר איז דער עיקר ענין פון מצה, לחם עוני דוקא, ווייל דער ענין

---

4) זע קונטרס התפלה פ"ח. תורת שלום ע' 10.
5) ילקוט שמעוני נ"ך רמז תקנ.
6) אורח חיים סימן תעה.